# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

מכון שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

פרשת **משפטים - תרומה** תשפ"ד ◆ עלון מס': **132**

## דברים שבלב

**אויסצוגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות**

### צי דארפן מיר ראטעווען די וועלט?

איינס פון די שאלות וואס מוטשעט אסאך מענטשן, איז די שאלה: וואס גייט זיין מיט די וועלט.

עס דרייען זיך ארום מענטשן אויף די וועלט און אויף זייערע פלייצעס ליגט א גרויסער לאסט, זיי זענען אומרואיג. זיי ווילן וויסן וואס גייט זיין מיט די וועלט אין צוואנציג יאר ארום.

זיי האבן געמאכט א חשבון אז עס איז נישט דא גענוג וואסער אויף די וועלט, אז די אייז פון די אנטארטיקע לאזט זיך אויף, אז די מעל גייט אויס, אז אין נאך צוואנציג יאר ארום וועלן די פייגל שטארבן, און עס לאזט זיי נישט שלאפן ביינאכט.

ווען די מענטשן וואלטן געהאלטן די דאגות ביי זיך וואלט מען עס געקענט דורכטראגן, אבער די בראך איז אז די מענטשן זענען משפיע אויף אונז און שלעפן אונז אריין אין זייער זאק. זיי קומען צו אונז מיט א טענה אז היתכן אז מיר זענען אזוי גלייכגילטיג צו די פלאג פון די וועלט, פארוואס איז עס נישט אונזער אינטערעסע צו לעזן די פראבלעם און האבן גאנצעטע עצות וויאזוי מען קען אפשטעלן די וועלט פון אונטערגאנג.

די סארט מענטשן ווילן אונז אויך איבערצייגן אז מיר מוזן נעמען די וועלט אין די הענט אריין, אז נאר אויב מיר וועלן טון עפעס ממשות'דיג וועלן מיר קענען ראטעווען די וועלט, און אז זיי זענען די רעטער פון די וועלט.

ווען יעדער איד וואלט געבוירן געווארן מיט א ציווי פון הקב"ה אז ער זאל דאגה'נען וואס גייט זיין מיט די וועלט מארגן, וואלטן מיר געקענט זאגן אז עס ליגט אויף אונז, אבער די תורה האט נישט ארויפגעלייגט אויף אונז אזא שווערע לאסט, פארקערט, מיר דארפן זיין רואיג סיי מיט די הוה און סיי מיט דער עתיד, ווי שלמה המלך זאגט שוין [קהלת ג. יא] את הכל עשה יפה בעיתו - יעדער זאך אין זיין צייט.

דער רצון פון השי"ת איז אז מיר זאלן טון וואס מיר דארפן צו טון אין די דאזיגע רגע. מיר ווייסן וואס מיר דארפן וויסן יעצט, די איבריגע איז פארהוילן פון אונז, ווייל מיר דארפן עס נישט וויסן און טראגן, עס וועט נאר קאליע מאכן אונזער לעבן.

א איד וואס לעבט מיט בטחון, ווי א איד דארף צו לעבן, איז קלאר מיט דעם כלל. ער צייטלט זיך נישט אויף די חכמים וואס ווייסן וואס עס גייט זיין און האבן א פונקטליכע אויסקוק אויף וואס עס גייט זיין אין צוואנציג יאר פון היינט, אין דרייסיג יאר פון יעצט, ווייל עס איז קלאר ביי אים אז עס איז נישט זיין פליכט צו ראטעווען די וועלט און גלייבן אין אלע שטודיעס.

ער איז איבערגעצייגט אז הקב"ה האט א גענויער פלאן פאר אלעס און אפילו אויב האט ער א פלאן אונטערצוברענגען די וועלט וועלן מיר סיי ווי נישט קענען גיין קעגן אים, ווייל עס וועט סייווי נישט העלפן.

דאס איז איינער פון די פארדינסטן וואס א בעל בטחון האט ביי זיך אז ער דארף נישט דאגה'נען פאר די עתיד. ער דארף נישט דאגה'נען פאר זיין פריוואטער עתיד און נישט פאר דער עתיד פון די וועלט, ווייל עס וועט סייווי נישט העלפן.

אזא איד קען לעבן רואיג און מקיים זיין דער פסוק פון "תמים תהיה עם ד' אלוקיך", און ווי רש"י הקדוש זאגט אויפ'ן ארט: התהלך עמו בתמימות ותצפה לו, ולא תחקור אחר העתידות, אלא כל מה שיבוא עליך קבל בתמימות, ואז תהיה עמו ולחלקו.

זאל הקב"ה געבן אז מען זאל קענען לעבן מיט א רואיגקייט, מיט א שלוה, אלע אונזערע יארן.

**די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4** [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### זעלבסטזיכערקייט

פון די גאנגבארע טעמעס וואס די היינטיגע וועלט רעדט פון דעם אסאך איז די נושא פון 'זעלבסטזיכערקייט' [קאנפידענץ בלע"ז].

מען רעדט ווי וויכטיג עס איז און פארוואס האט דער היינטיגער מענטש אזוי ווייניג פון דעם און וויאזוי מען קען זיך עס איינהאנדלן אין א גרינגע וועג.

מען רעדט אזויפיל פון דעם, אבער לאמיר זיך געבן א שטעל אפ און אריינטראכטן וואס זאגט די תורה צו אזא זאך? צי איז עס אויך וויכטיג לויט די תורה, אדער איז עס נאר וויכטיג אין די גאס?

אין ארץ ישראל האט זעלבסטזיכערקייט די זעלבע נאמען ווי בטחון. איינער וואס האט קאנפידענץ ווערט באטיטלט אלץ א מענטש וואס האט 'בטחון עצמי', איינער וואס האט עס נישט וועט מען באטיטלען אלץ איינער וואס עס פעלט אים דער 'בטחון עצמי'.

אבער מיר ווייסן אז בטחון מיינט זיך פארלאזן אויף הקב"ה.

צי גייען דיביידע זאכן צוזאמען? לאמיר עס אנאליזירן.

איינס פון די שטארקעווארצלען וואס זענען גורם אז דער מענטש זאל נישט האבן קיין עכטע זעלבסטזיכערקייט אין זיך, נעמט זיך פון דעם אז דער מענטש איז נישט גאנץ מיט זיך, ער גלייבט נישט אין די שליחות וואס ער האט אויף די וועלט, ער מיינט אז אויב ער וואלט געווען אין אנדערע אומשטענדן - וואלט ער אנגעקומען אסאך ווייטער.

נאך א סיבה וואס שטערט זיין פריוואטער אויפבלי איז די פחד פון אנדערע - וואס אנדערע זאגן אויף אים.

אויף ביידע זאכן קען מען טרעפן די ענטפער אין בטחון!

א איד וואס האט בטחון איז קלאר ביי זיך. ער האט נישט קיין מורא פון א צווייטן, ווייל א צווייטער קען אים גארנישט טון, אלעס איז סיי ווי סיי אין די האנט פון הקב"ה און נאך וויכטיגער פון דעם איז ער באקוועם מיט זיך אליין.

ער ווייסט אז אלע נאטורן וואס ער האט אויף די וועלט, סיי די גוטע און סיי די וואס זענען אויס אין זיינע אויגן נישט גוט, איז פאר זיין טובה וועגן - ווייל הקב"ה וויל אז ער זאל זיך משלים זיין אויף די וועלט און ער האט זיך נישט וואס צו שעמען מיט זיי.

ער ווייסט אז ער האט אין זיך באהאלטענע כוחות, און די כוחות איז דא אז ער זאל זיי נוצן און מיט זיי קען ער פועל'ן גרויסע זאכן.

דער גלייבן אין די כוחות וואס א איד האט אין זיך, איז דער יסוד היסודות פון א איד.

נאר א איד וואס גלייבט אין זיינע כוחות - קומט אן.

עס איז סיי צווישן מענטשן און עס איז סיי כלפי שמיא.

צוויי אידן זיצן אין שול. ביידע האבן אין זיך באהאלטענע כוחות, איין איד פועל'ט גרויסע זאכן, דער צווייטער איד פועל'ט אסאך ווייניגער, די חילוק איז אין די אמונה, אז א איד גלייבט אין זיינע כוחות פועל'ט ער גרויסע זאכן.

דער געדאנק ווערט מבואר אין די ווערטער פון דעם הייליגן מגיד פון מעזריטש אין זיין ספר תורת המגיד [וישלח לב. כו]. דארטן זאגט ער אז עס איז דא אסאך אידן וואס פועל'ן זייער ווייניג, ווייל זיי גלייבן נישט אין זיך אליין.

"אז א איד וויל פועל'ן דארף ער גלייבן אז ער האט אין זיך א געטליכער כח". שרייבט דארט דער מגיד.

ער געבט דארט א משל, אז אויך ווען א איד איז עוסק אין גשמיות, ווען ער עסט, ער טרינקט, ער טוט זיך אן די מלבושים, קען ער זיך אנבינדן אויבן און מעלה זיין די דומם, צומח, חי, מדבר, אבער דאס אלעס איז נאר בתנאי אז ער גלייבט אין דעם, ווייל גלייבן אין זיך איז דער שליסל צו שטייגן.

א איד קען אמאל טראכטן אז אלעס וואס מען רעדט איז געווען גוט אמאל אבער עס איז נישט אמת.

אין א בריוו וואס דער בית אהרן שרייבט, ווענדט ער זיך צו **מיינע טייערע פריינט, מיינע ברידער און זאגט זיי, גלייבט מיר, וואס עס האט געדויערט פאר אן אמאליגער איד צו פועל'ן וואכן און חדשים - פועל'ט מען היינט אין א שעה.**

אלעס וואס מען דארף האבן היינטיגע צייטן איז אמונה אין זיך אליין.

לאמיר גלייבן אין אונזערע כוחות און מיר וועלן זען ישועות.

גוט שבת **פינחס שפר**

**השגחה פרטית האטליין**
אידיש. העברעאיש. ענגליש.

שליסט זיך אויך אן אין די צענדליגע טויזנטער אידן איבער דער גארער וועלט וועלכע האבן געמאכט א טויש אין זייער לעבן - קלינגט:

פון ארץ ישראל 02-30-11-300 • פון אמעריקע 151-86-130-140 • פון ענגלאנד 0-330-3900-489 • פון בעלגיע 0-380-844-28
פון אויסטראליע 613-996-10005 • פון דרום אפריקע 87-551-8521 • פון ארגענטינע 3988-4031 • פון אוקריינע 380-947-100-633 • פאר דער פרויען אפטיילונג פון די השגחה פרטית האטליין דרוקט 4 ביי די מעין מעניו

# ניסיך שבכל יום

## וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

## א מתנה אנשטאט א הלוואה אין זכות פון די אמונה

אין א גוטע שעה בין איך געווארן א מחותן.

מיט די שמחה איז מיטגעקומען די גרויסע הוצאות, און געציילטע טעג פאר די חתונה האב איך זיך געזען מיט א גרויסע לאך, עס האט מיר געפעלט די סומע פון צוואנציג טויזנט שקל. זוכנדיג פון וואו איך קען עס דערשנאפן האב איך פראבירט מיין מזל ביי איינער פון די גמחי"ם.

די גמ"ח איז געווען גרייט צו פארבארגן, אבער זי האט געהאט א לאנגע ליסטע פון תנאים און באדינגען וויאזוי די הלוואה ארבעט. דורכליינענדיג די לאנגע ליסטע איז מיר נתעורר געווארן עטליכע שאלות בדיני ריבית. ווען איך האב עס געפרעגט פאר'ן בעל הגמ"ח האט ער מיר אנגעקוקט מיט בייזע אויגן.

"גרעסערע צדיקים ווי דיר זענען שוין דא געווען. מען האט עס דורכגעטון, וואס פרעגסטו שאלות".

מער האב איך נישט געפרעגט, אבער אין די זעלבע צייט האב איך ארויסשפאצירט פון די גמ"ח.

עס איז נישט אריבער א שטיק צייט און מיינער א באקאנטער קלינגט מיר אריין.

"איך האב דא אויפ'ן ליניע א איד וואס וויל דיר געבן א לייטישע סומע צדקה, ער האט געהערט אז דו מאכסט חתונה".

דער איד האט מיר תורם געווען 20 טויזנט שקל, איך האב געדאנקט הקב"ה דערפאר, זעענדיג אז פון בלייבן ערליך און זיך נישט פארלאזן אויף קיין קולות פארדינט מען נאָר.

## א רייכע יום טוב פעקל

פון די שטארקע נקודות וואס מיר הערן אסאך ביי די שיעורים פון ר' דוד, איז די נקודה פון אריינעמען אין קאפ אריין אז אויך א טעות איז פון הימל.

עס טרעפט זיך אסאך מאל אז מען עסט זיך די געזונט און מען פייניגט זיך די געוויסן מיט די פראגע וואו איז געווען מיין קאפ? וואו האב איך פארלוירן מיין שכל? וויאזוי האב איך געקענט זיין אזוי נאריש און אזוי נאיווו?

מען פארגעסט אז אויך דאס איז פון הימל, אז צומאל פירט מען צו פון הימל אז א מענטש זאל פארלירן זיין שכל, ווייל אזוי דארף זיין.

די מעשה וואס איך האב געהאט פאר פסח איז געווי די מעשה וואס געבט ארויס די געדאנק.

איך וואוין אין די שטאט לאנדאן. פאר פרנסה בין איך איינגעשטעלט אין א מוסד און מיין ארבעט איז איינצומאָנען די שכר לימוד. אין קאנטראסט צו ארץ ישראל וואו די שכר לימוד קומט אריין אויטאמאטיש אין באנק אריין דורך די קרעדיט קארטעל אדער דורכ'ן באנק איז די איינמאנונג דארט אויפ'ן אלטמאדישן וועג, מען גייט צו צום טאטן און מען בעט אים דאס געלט.

צומאל קומט עס אן גרינגער, צומאל איז עס עבודת פרך, אבער דאס איז די ארבעט.

עס איז געווען פאר פסח ווען איבערגייענדיג די חשבונות האב איך באמערקט אז עס איז דא א טאטע וואס איז א שיינער בעל הבית וואס איז שולדיג געבליבן אן ערנסטער חוב. איך האב אים אנגעקלינגען און געזאגט אז עס קומט פסח, אז מען דארף צאלן געהאלט פאר די מלמדים און איך בעט אים זייער ער זאל באצאלן די חוב.

## א פריוואטער דאקטאר

ווען אונזער ערשטער קינד האט יענער נאכט אנגעהויבן אויסזען שלעכט, האב איך זיך געוואלט טרייסטן אז עס איז גארנישט, אז עס וועט אריבערגיין, אבער עס איז נישט אריבער, עס איז נאר געווארן ערגער, און זעענדיג אז עס גייט נישט אריבער, האבן מיר באשלאסן אז מיר גייען אריבערגיין צו דעם דאקטאר פון די געגענט. דער דאקטאר האט אונטערגעזוכט דאס קינד און אונז גע'עצה'ט אז מיר זאלן שוין אריינגיין אין שפיטאל.

"איר דארפט נישט נעמען אן אמבולאנס פאר דעם, אבער עס איז כדאי אז איר זאלט אהינגיין וואס א מינוט פריער".

וואס טוט א יונגע פארפאלק אין אזא צייט? די ערשטע זאך קלינגט מען אריין צו די עלטערן און מען פרעגט זיי איבער זייער פריוואטער פראקטיק מיט אזא געשעעניש, אבער צו אונזער מזל האבן ביידע עלטערן נישט געענטפערט.

נישט האבנדיג קיין אנדערע ברירה האבן מיר צוזאמענגעפאקט אונזערע זאכן און מיר זענען אריין אין שפיטאל.

אונטערוועגענס זאגט מיין מאן צו מיר, אז אפשר איז כדאי אז מען זאל נעמען א פריוואטער דאקטאר, אבער וויבאלד מיר האבן נישט קיין ערפארונג וועמען צו נעמען, איז לאמיר נעמען דעם באשעפער, ער איז דער בעסטער דאקטאר פון יעדן איינעם.

דערביי האב איך דערמאנט די סגולה וואס שטייט אין ספר נפש החיים אז א איד זאל אייביג געדענקען אז אין עוד מלבדו.

נאך א שטיק וועג זענען מיר אנגעקומען אין שפיטאל. מען האט פארשריבן אונזערע דעטאלן און מיר האבן זיך געזעצט ווארטן אין די ערמעדזשענסי צימער.

ווי אייביג קען מען דארט ווארטן שעה'ן לאנג. ביני לביני איז אונטערגעקומען די צייט פון מנחה. מיין מאן איז געגאנגען זוכן א מנין און אין די זעלבע צייט איז דאס קינד איינגעשלאפן און איך האב אויסגענוצט די געלעגנהייט און זיך געשטעלט דאווענען א ווארימע מנחה.

די תפילה אין געווענליכע צייטן און די תפילה אין אזא צייט איז צוויי וועלטן, סיי איך און סיי מיין מאן האבן געדאווענט ווארים און עס איז געווען פון די טיפסטע טיפענישן. איך האב געדאווענט שטייענדיג אין די ערמעדזשענסי צימער. האלטנדיג אינמיטן שמונה עשרה האב איך פלוצלונג געהערט ווי מען רופט מיין נאמען.

עס האט זיך אנגעהויבן א גערانגעל אין מיר. מען האט דאך געהאט באשלאסן אז מיר נעמען א פריוואטער דאקטאר, אז דער רבוש"ע איז אונזער דאקטאר און ווי קענען מיר יעצט אויסרעדן אינמיטן דאווענען.

איך האב געענדיגט דאווענען און געגאנגען צו די נוירס און איר געפרעגט וואס גייט פאר. זי האט געענטפערט אז דער דאקטאר איז דא געווען און אונז גערופן.

"יעצט וועט איר מוזן ווארטן ביז ווען ער וועט נאכאמאל קומען".

עס איז אריבער נאך דריי שעה, דער דאקטאר איז געקומען צו גיין, ער האט א קוק געגעבן אויפ'ן קינד און צוגעשטימט אז דאס קינד מוז אריבערגיין אן אפעראציע.

"אבער יעצט איז שוין שפעט, קומט צוריק מארגן".

"אבער מען האט אונז געזאגט אז עס איז קריטיש".

"ווען עס וואלט געווען קריטיש וואלט איר געקומען צולויפן ווען מען האט אייך גערופן, איך בין ספעציעל געקומען צו גיין וועגן ענק, זעט אויס אז עס איז נישט אזוי וויכטיג".

דער דאקטאר האט אונז געוואלט לערנען א לעקציע, אונז מחנך זיין, מיר האבן געזען אין דעם א נסיון פון הימל.

מיר האבן נישט געהאט קיין אנדערע ברירה, מיר זענען אהיימגעגאנגען, מיר האבן געהאט אן אנגעצויגענע נאכט אבער מארגן, גלייך אינדערפרי זענען מיר אריין אין שפיטאל.

אנקומענדיג זענען מיר געווארן אויפגענומען פון אן אנדערער דאקטאר. יענער איז געווען א פרומער איד. ער האט באטראכט דאס קינד און געזאגט אז ער זעט ווי דאס קינד ווערט בעסער און בעסער.

"איך מיין אז מען זאל נאך ווארטן אביסל, אפשר וועט מען נישט דארפן אפערירן".

מיר האבן געווארט א שטיק צייט, און די מצב איז געווארן בעסער און בעסער, דער דאקטאר האט אונז באפרייט און מיר זענען אהיים מיט א געזונטער קינד.

מיר האבן געזען אז דער גוטער באשעפער האט אויסגעהיילט דאס קינד אינגאנצן, מיר האבן געהאט דער בעסטער דאקטאר אין די וועלט.

## אומזיסטע מוזיק בענד ביי די בר מצוה

נאך די חתונה בין איך און מיין צווילינג ברודער אריין לערנען אין א כולל. די כולל געהאלט איז זייער ענג, אזוי אז מיר האבן זיך געמוזט זוכן א זייטיגע ארבעט וואס זאל אריינברענגען זייטיגע געלט, אז מיר זאלן קענען ווייטער ממשיך זיין צו זיצן על התורה ועל העבודה.

זוכנדיג נאך א פאסיגע ארבעט האבן מיר באשלאסן אז מיר גייען ווערן זינגער. איך און מיין ברודער האבן ביידע גוטע און שטארקע שטימעס און אזוי ווי אין די שטאט

## מפיצים אמונה ומחיים נפשות

מיט א שטיק צייט צוריק האב איך איבערגעלאזט דא אויפ'ן האטליניע צו דערציילן א השגחה פרטית מעשה וואס האט פאסירט מיט מיר אליין. איך האב געוואלט אז די וואס הערן עס זאלן זיך קענען דערקוויקן מיט דעם און ארויסשעפן פון איר חיזוק. וויסנדיג אז איך וועל עס נישט דערציילן אזוי גוט, האב איך געבעטן אז אנדערע זאלן עס דערציילן. היינט האב איך אריינגעקלינגען און הערנדיג ווי יענער דערציילט בין איך געווארן זייער בשמחה. איך גלייך אלעמאל וויאזוי מען דערציילט די מעשה'ס, עס ווערט דערציילט מיט א לעבעדיגקייט, מיט א געשמאקקייט, א דאנק פאר דעם און א ווינטש אז איר זאלט קענען אנגיין ווייטער און ווייטער מיט אייערע מעשים טובים.

## מפיצים אמונה ורואים ישועות

מיט א שטיק צייט צוריק האב איך געליינט אין די גליונות א מעשה מיט א איד וואס האט געליטן פון א ליעק ביי אים אין שטוב, אז עס איז גערינען וואסער און ער האט נישט געקענט טרעפן די לעזונג. דער איד האט דערציילט אז זעענדיג אז ער געבט זיך נישט קיין עצה מיט דעם האט ער צוגעזאגט געלט פאר די השגחה פרטית לזכות אז די זאך זאל זיך מסדר זיין און גלייך נאכדעם איז עס געווארן מסודר. ווען איך האב עס געליינט האב איך געטראכט צו מיר אז איך האב דאך אויך די זעלבע פראבלעם ביי מיר אין שטוב, איך האב באשלאסן אז איך גיי אויך צוזאגן געלט פאר השגחה פרטית, נאך יענעם טאג האב איך צוגעזאגט געלט, און וואונדער אז נאך אין דעם זעלבן טאג האבן זיך זאכן מסדר געווען גרינג און געשמאק.

צפת, וואו מיר וואוינען, איז נישט דא קיין סאך זינגער, האט עס געארבעט גאנץ פיין. די מעלה פון די זינגעריי איז אז עס איז אין די נאכט שעה'ן, אזוי אז בייטאג קענען מיר לערנען אין כולל און ביינאכט געבט מען אוועק אפאר שעה און מען האט אינדערזייט א שטיקל פרנסה.

אין א טאג קלינגט מיר איינער אן, און שטעלט זיך פאר אלץ איינער וואס אראנדזשירט שמחה'ס פאר מענטשן און צווישן אנדערע קומט אים אויס אסאך מאל צו זיין דער וואס שטעלט צו די זינגער ביי די מסיבות.

"מיר קענען ארבעטן צוזאמען", האט דער אראנדזשירער געזאגט און אנגעהויבן רעדן איבער איין ספעציפישע מסיבה וואו ער וויל אז מיר זאלן דארטן אויפטרעטן.

"איך האב געהערט אויף ענק גוטע זאכן, אבער איידער איך גיי שליסן מיט אייך, מוז איך האבן א טעיפ, וואו איך קען הערן וויאזוי ענק זינגען". האט ער מיר געבעטן.

נאך ביז יעצט ווייס איך נישט פארוואס איך האב קיינמאל נישט געטראכט פון אזא זאך, עס איז דאך די ערשטע זאך וואס מענטשן בעטן.

"איך האב נישט", איז געווען מיין ענטפער.

"אבער אפשר זאל איך פראבירן צו אראנדזשירן אזא זאך".

איך האב געטראכט ביי מיר אז אפשר וועט אונטערקומען א שמחה און איך וועל דארט קענען אראפכאפן וואו איך זינג, און שפעטער וועלן מיר עס אים געבן צו הערן און ער וועט עס קענען נוצן און ווערן באיינדרוקט פון אונזער זינגעריי.

איך האב אזוי שטארק געוואלט די ארבעט, אז איך האב באשלאסן אז איך גיי זיך אומקוקן ווער עס מאכט די וואך א שמחה און אים אריינגעקלינגען און אנפרעגן צי ער האט שוין א זינגער.

אויב ער האט נישט און ער איז נישט גרייט צו צאלן - וועל איך זינגען פאר אומזיסט, אבי אז איך זאל האבן א טעיפ פון מיינע זינגעריי.

זוכנדיג אין שול א מודעה איבער א שמחה, האב איך באמערקט אז מיינער א באקאנטער מאכט בר מצוה א זון. איך האב זיך נישט געפוילט, איך האב אריינגעקלינגען דער בעל שמחה און נאכ'ן זיך פָארשטעלן האב איך אים געפרעגט צי ער האט שוין א זינגער פאר די בר מצוה.

ווען איך האב פארגעשטעלט די שאלה האט דער איד געוואלט וויסן וויפיל כ'נעם פאר די זינגעריי.

"עס איז אומזיסט, איך קום אומזיסט".

ווען איך האב דאס געהערט, האב איך מיטאמאל געהערט א שטילקייט אויף די ליניע, דער איד איז געווען שאקירט ביז צו די טיפסטע טיפענישן.

"אומגלויבליך".

יעצט איז געווען מיין רייע צו הערן די צווייטע טייל פון די מעשה.

"א בר מצוה איז היינט א טייערע ארטיקל. מען דארף צאלן א זאל, תפילין, נייע קליידער, אזוי אז מיר האבן באשלאסן אז מיר גייען פארציכטן אויף די מוזיק. די מוזיק ציט אריין אין די סומע פון 6000 שקל און מיר האבן עס נישט פון וואו צו באצאלן.

ווען מיין זון, דער בר מצוה בחור, האט געהערט פון אונזער באשלוס איז ער געווען אויסערזיך פון צער. ער האט אונז פארשטאנען, אבער ער האט זייער שטארק געוואלט אז עס זאל יא זיין מוזיק ביי זיין בר מצוה.

"איך האב פאר דיר א גוטע עצה, דאווען צו הקב"ה, ער קען דיר העלפן".

מיין זון האט גענומען די עצה זייער ערנסט. אין די טעג פאר די בר מצוה איז ער יעדן טאג אראפ צו די בית החיים אין צפת און מתפלל געווען מעומק הלב אז הקב"ה זאל אים מזמין זיין א מוזיק מיט א זינגער.

איך האב געהאפט אז עס וועט זיך אויסלאזן צום גוטן, און דא קלינגט איר מיר אריין און איר דערציילט מיר די גוטע נייעס אז איר זענט גרייט צוקומען זינגען אומזינסט.

"הקב"ה האט אויסגעהערט די תפילה פון מיין קינד", האט דער איד אויסגעפירט, באגייסטערט פון די אפענע ישועה.

## מען קען נישט זיין קלוגער פון הקב"ה

עס רעדט דא א איד פון מאנסי:

נאך א שטיק צייט וואס מיין קינד האט געליטן פון פליסיגקייט אין די אויערן, האט אונז דער דאקטאר רעקאמאנדירט אז מיר זאלן גיין אין שפיטאל און דורכפירן אן אפעראציע וואס נעמט ארויס די פליסיגקייט פון די אויער.

עס איז נישט קיין באַ'טעמ'טער זאך. אויסער די מוטשעניש איז עס אויך א שטיקל וועג צו פארן צו די שפיטאל, ווייל עס געפינט זיך נישט אין מיין געגענט.

רעדנדיג מיט מיין שכן דערציילט ער מיר אז ער האט געהאט די זעלבע זאך מיט זיין קינד, מען האט אים געשיקט אין שפיטאל, ער האט געדארפט אריבערגיין אן אפעראציע, אבער איידער מען גייט אריין צו אזא סארט אפעראציע מאכן זיי א טעסט צו זען צי דער קינד האט נישט קיין אינפעקציע פון פארקילטקייט אדער אנדערע זאכן, זיי האבן געטראפן ביי מיין קינד אן אינפעקציע און מיר אהיימגעשיקט.

"איך זאג דיר עס, אז אנשטאט דו זאלסט פארן א וועג פון צוויי שעה, אפשר מאך פריער א טעסט", האט דער איד מיר גע'עצה'ט.

איך האב אים געפאלגט. מיין זון איז ארויס ריין און מיר האבן זיך געגרייט אויף די רייזע. מיר זענען אפגעפארן א וועג פון צוויי שעה. אנקומענדיג אהין האט מען מיר אריינגענומען צום דאקטאר אויף אן אונטערזוכונג, אבער נאכ'ן אונטערזוכן און זען וועגן וואס מיר זענען געקומען צוגיין, האט מען איינגעמאלדן אז מיר זענען נישט אויף די ריכטיגע ארט, זיי מאכן נישט אזעלכע סארט אפעראציעס.

איך האב איינגעזען ביי מיר אז אויב עס איז באשערט צוקומען אומזיסט - קומט מען אומזיסט - עס איז נישט מעגליך אז מען זאל זיך באווארענען פריער פון דעם.

דער טאטע האט געוואלט וויסן וויפיל דער חוב איז, עס האט געהאלטן ביי צוויי טויזנט פונט.

"נאך היינט וועל איך דיר ברענגען דאס געלט".

ער האט געפרעגט וואס איז מיין אדרעס, ער איז א ווארטס מענטש, געוועגליך ווען ער זאגט עפעס ווערט עס גלייך געטון און וועגן דעם זעענדיג אז ער קומט נישט אן האב איך זייער געוואונדערט און אים דן לכף זכות געווען אז זיכער האט ער פארגעסן פון דעם.

דער יום טוב פסח איז אריבער, מען האט געציילט ספירה און ווייטער אין קול ואין עונה.

זעענדיג אז עס איז נישט קיין תכלית האב איך אים געגעבן א קלינג אן און איך הייב אן רעדן צו אים וועגן געלט און ער הערט זיך אביסל אנטוישט.

"געלט? איך בין געווען ביי דיר פאר פסח, איך האב איבערגעגעבן א פארמאכטער קאנווערט פאר דיין זון....".

הערנדיג דאס בין איך געווארן שאקירט, איך האב אים צוגעזאגט אז איך וועל עס מברר זיין און צוריקקומען צו אים.

ווי נאר איך האב אראפגעלייגט די טעלעפאן קאלל האב איך אנגעהויבן מאכן א חקירה ודרישה ביי אלע מיינע קינדער אבער קיין איינער האט נישט געוואוסט פון וואס איך רעד.

איך האב אים געוואלט גלייבן און איך האב נישט געהאט וויאזוי, אבער זייטיג צו דעם האב איך נישט אויפגעהערט צו טראכטן וויאזוי קען א מענטש זיין אזוי נאריש און איבערגעגעבן צוויי טויזנט פונט פאר א קינד, ער האט אפילו נישט געפרעגט ווער דער קינד איז, ווי עס וואלט געווען א זאך וואס איז ווערד א פרוטה.

זעענדיג אז מיינע קינדער ווייסן נישט פון וואס כ'רעד, האב איך אנגעהויבן ארומפרעגן ביי די שכנים. נאכ'ן אויספרעגן עטליכע שכנים בין איך דערגאנגען דעם סוד.

נעבן מיר וואוינט א טייערער יונגערמאן, ממש פאר פסח האט מען אים פארשיקט פון די ארבעט, ער האט נישט געהאט קיין געלט אויף יום טוב און ער האט מיר דערציילט די פאלגענדע מעשה.

"פאר יום טוב בין איך געווען זייער צוקלאפט. מיינע טאשן זענען געווען ליידיג. איך האב נישט געוואוסט וויאזוי איך גיי אריינברענגען די יום טוב אין שטוב. איך האב נישט געוואלט בעטן געלט פון קיין מענטשן און איך האב זיך געשטעלט מתפלל זיין ביים בורא כל העולמים ער זאל מיר אריינשיקן געלט פאר יום טוב, איך האב געבעטן אז די געלט זאל אנקומען אן קיינע בזיונות און דארפן אנקומען צו מענטשן".

דער איד האט ווייטער געשילדערט:

"עס איז געווען א תפילה פון טיפן הארצן און עס גייט נישט אריבער קיין צען מינוט און מיין קינד קומט אריין אין שטוב און געט מיר איבער א קאנווערט מיט צוויי טויזנט פונט".

איך האב געדאנקט הקב"ה, איך בין געווען זיכער אז עס איז אראפגעפאלן פון הימל און אויסגענוצט דאס געלט.

ווען איך האב אים געשטעלט אויפ'ן פלאץ וועגן די טעות איז ער געווארן שאקירט און אנגעהויבן אויסארבעטן מיט מיר א פלאן וויאזוי ער קען מיר אפצאלן.

"אפשר מאכן מיר עס אויף קלענערע באצאלונגען", האט ער זיך געבעטן.

איך האב געזאגט אז איך וועל איבערטראכטן און ביני לביני האב איך צוריקגעקלונגען צו יענעם איד און אים דערציילט די גאנצע מעשה.

"ווייסטו וואס", האט דער איד אויסגעפירט.

"דו זעסט אז יענער האט נישט, לאז אים אפ, איך וועל דיר אריינברענגען די געלט ביז א טאג, צוויי".

איך בין געבליבן שטיין געפלעפט. מיט א מינוט צוריק האב איך געשטוינט וויאזוי קען דער עושר זיין אזוי לייכטזיניג און שיקן צוויי טויזנט פונט מיט א קינד, יעצט האב איך שוין די תשובה, מען האט אים פארבלענדעט פון הימל, ער זאל נישט קענען זען וואס דא געשעט, אז א איד זאל האבן געלט אריין צוברענגען די יום טוב אין שטוב אריין.


**נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג**
**אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט**

און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק
צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים

**רוף יעצט אריין: 02.6313.742** אדער אין ליין פון השגחה פרטית **02.30.11.300**|דריקט 6

**העברה לבנק לאומי**
סניף 902 | חשבון 57390056

**משלוח בדואר**
לת.ד. 5475 ירושלים

**בעמדות נדרים פלוס**
ע"ש השגחה פרטית

**מפיצים אמונה לכל יהודי בכל העולם**

**שכונה שלימה נתרמה לזכות**

פייגא בת מרים אסתר - גולדא בת מרים אסתר - חיים יהושע בן מרים
אסתר רייזל בת מרים אסתר - **שיזכו לזיווג הגון בקרוב ממש**

# לשונם הזהב
## השגחה פרטית בספרים הקדושים

### ווער עס פארלאזט זיך אויפ'ן רבוש"ע איז אים גוט בזה ובבא

**אמר רב אשי** האט רב אשי געזאגט: **חזינא להו לספרי דווקני דבי** איך האב געזען די סופרים די מדקדקים פון די ישיבה פון **רב, דחטרי להו לגגיה** ווי זיי האבן אויפגעשטעלט ווי א דעכל, דעם דאך **דחי"ת** פונעם אות חי"ת, **ותלו ליה לכרעיה** און זיי האבן געהאנגען דעם פוס **דה"י** פונעם אות ה"י, אין די לופט. **חטרי להו לגגיה** דער טעם פארוואס זיי האבן געמאכט ווי א דעכל אינעם דאך **דחי"ת** פונעם אות חי"ת, **כלומר** דאס קומט צו מרמז זיין, אז דער אויבערשטער **חי הוא ברומו של עולם** לעבט אין דער הויכקייט פון דער וועלט, **ותלו ליה לכרעיה** און דער טעם פארוואס מען האט אויפגעהאנגען דעם פוס **דה"י** פונעם אות ה"י, **כדבעא מיניה ר' יהודה נשיאה מר' אמי** אזוי ווי רבי יהודה נשיאה האט געפרעגט פון רבי אמי, **מאי דכתיב** וואס מיינט דאס וואס עס שטייט אין פסוק: **"בטחו בה' עדי עד כי ביה ה' צור עולמים"** (ישעיהו כו, ד)? **אמר ליה** האט ער געזאגט צו אים: **כל התולה בטחונו בהקדוש ברוך הוא** יעדער וואס הענגט אן זיין בטחון אינעם אויבערשטן, **הרי הוא לו מחסה בעולם הזה ולעולם הבא** איז ער פאר אים א שוץ אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, וויבאלד מען פארזיכערט זיך אינעם אויבערשטן "עדי עד", וועלן זיי האבן א שוץ אינעם אויבערשטן "לעולמים" אויף אייביג.

(מסכת מנחות דף כט ע"ב)

### די גרעסטע מעלה איז בטחון

שערי קדושה ח"ב שער ד':
עס איז נישט דא קיין גרעסערע מעלה ווי דער בעל בטחון, ווי דער פסוק זאגט "אשרי כל חוסי בו". דער בעל בטחון גלייבט אז עס איז דא א בורא אויף די וועלט, אז דער באשעפער קען אלעס און ער איז משגיח אויף אלעס. ער איז אויך זוכה צו די ברכה פון "ברוך הגבר אשר יבטח בה' והיה ה' מבטחו", ער איז פארזיכערט אז עס וועט אים נישט פעלן קיין פרנסה, ווי עס שטייט אין פסוק "השלך על ה' יהבך והוא יכלכלך" אבער דאס וועט אלעס זיין בתנאי אז ער גלייבט אין דעם באמת, מיט זיין גאנצער הארץ, אן קיין שום פקפוק. נאך א זאך פארדינט ער, אז ווען ער וועט לעבן מיט בטחון וועט ער עוסק זיין בתורה און אין מצוות מיט זיין גאנצער הארץ, אן קיין שום הרהור.

### אויך אויב ער האט א שלעכטער מזל וועט ער ממשיך זיין שפע פון הימל דורך בטחון

**דער הייליגער מהר"ל אין ספר נתיבות עולם ח"ב נתיב הבטחון פ"א:**
אפילו אז עס טרעפט זיך אז עס איז נישט באשערט פאר'ן מענטש קיין גוטס, ווייל ער איז געבוירן אין א שלעכטער מזל, מיט דעם אלעם זאל ער זיך פארלאזן אויפ'ן רבוש"ע, ווי דער פסוק זאגט "בטחו בו עדי עד כי ביה ה' צור עולמים". ווייל די וועלט און די עולם הבא ווערן באשאפן בשם י"ה און וועגן דעם דארף מען זיך פארלאזן אויף אים עדי עד, ווייל ער קען משפיע זיין פון עולם העליון וואס איז כולו טוב, אפילו אויב אויף די וועלט האט דער מענטש א שלעכטער מזל. וועגן דעם ווער עס האט בטחון אין הקב"ה ווערט אנגעבינדן אין דער עולם העליון וואס איז עולם הבא, און אויך אז הקב"ה באשיצט אים אויף די וועלט און אויף יענע וועלט, ווייל א בעל בטחון איז זוכה אז השי"ת באשיצט אים אינגאנצן.

### דער כח הבטחון איז אריינגעלייגט אין דער מענטש

**ואני תפלה ח"ב מאמר התולה להרה"ג ר' חיים זייצ'יק זצ"ל:**
ביי בטחון טרעפן מיר אן אויסדרוק פון 'תולה זיין', אנהענגען בטחון אין הקב"ה, וואס ליגט אין דעם אויסדרוק, פארוואס האבן דא חז"ל געטוישט פון דער געווענליכער אויסדרוק?
עס קען זיין אז חז"ל באנוצן זיך מיט אזא סארט לשון ווייל זיי רעדן דא צו איין סארט מענטש, זיי רעדן צו דער וואס שעמט זיך צו זיין א בעל בטחון, אדער ווער עס האט זיך שוין מייאש געווען פון זיין א בעל בטחון זאגנדיג אז דאס איז נאר פאר גרויסע בעלי מדריגה.
חז"ל רעדן צו דעם איד און זאגן אים אז ער לעבט אין א טעות, ווייל בטחון איז א זאך וואס איז אריינגעבויט אין דער געבוי פון דעם מענטש, ווען השי"ת באשאפט א מענטש פלאנצט ער איין אין אים די מידה פון בטחון.
וואו זעען מיר אז א מענטש האט אין זיך דער נאטור פון בטחון? ווייל מיר זעען אז א מענטש ווערט זייער גרינג נאכגעשלעפט נאך די הבטחה וואס א מענטש געבט אים, אפילו אז דער מענטש זאגט אים צו א זאך און ער איז עס נישט מקיים וועט ער אים גלייבן.
נישט איינמאל און נישט צוויי מאל זעט מען אז א מענטש איז אין א געפאר און ער איז זיך נישט מייאש, ער גלייבט אז ער גייט ארויסקריכן פון דעם, ווייל ער גלייבט אין זיך.
דאס אלעס לערנט אונז אויס אז א מענטש האט אין זיך די כח און וועגן דעם נוצן חז"ל דער אויסדרוק פון 'תולה זיין'.
זיי זאגן פאר'ן מענטש - דו האסט אין זיך דער כח, דו דארפסט עס נאר 'תולה זיין' אין הקב"ה.

## א פינטעלע ליכטיגקייט
### אויסצויגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

אין די תורה לערנען מיר אז אן אידישער קנעכט מעג נישט זיין א קנעכט מער ווי זעקס יאר, אז ער וויל בלייבן א קנעכט נאך זעקס יאר, נעמט מען אים צום בית דין און מען לעכערט אים די אויער.
רש"י אויפ'ן ארט געבט צו פארשטיין, אז דער לעכערן די אויער איז אן עונש צו די סיבה וואס האט צוגעברענגט אז ער זאל ווערן א קנעכט.
פארוואס פארקויפט זיך א מענטש פאר א קנעכט, ווייל ער האט גע'גנב'עט, און אז מען גנב'עט איז מען עובר אויף לא תגנוב און אן אויער, וואס האט געהערט אויפ'ן בארג סיני אויסשרייען 'לא תגנוב' און דאך גנב'ט ער, מוז מען אים לעכערן די אויער.
דער מהלך פון רש"י איז אביסל שווער צו פארשטיין.
אויב די סיבה פארוואס מען לעכערט אים די אויער איז וועגן גניבה, וואלט מען אים געדארפט לעכערן גלייך, פארוואס ווארט מען ביז ווען ער זאגט אז ער וויל בלייבן א קנעכט?
נאר, עס קען זיין וויבאלד חז"ל זאגן אונז "הקונה עבד עברי כקונה אדון לעצמו" אז ווער עס נעמט אריין ביי זיך אן עבד עברי צו ארבעטן מיט אים קויפט זיך א האַר אויפ'ן קאפ.
די סיבה דערצו איז ווייל עס איז דא אסאך הלכות וואס מען מעג הייסן דעם עבד טון און וואס נישט, און מען קען גרינג נכשל ווערן אין דעם, און צו פארמיידן א מכשול דארף מען האלטן קאפ און דאס איז א שווערע אויפגאבע.
שטעלט זיך די שאלה: אויב עס איז אזוי שווער, ווער וועט דען וועלן קויפן אזא סארט קנעכט? נאר עס מוז זיין אז עס רעדט זיך פון א געהויבענער איד, וואס האט רחמנות אויפ'ן גנב, ער זעט זיין צער און ער וויל אז ער זאל זיך קענען צוריקשטעלן אויף די פיס און וועגן דעם נעמט ער אים.

### א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה"צ ר' בעריש שנעעבאלג שליט"א
### פארוואס שטראפט מען דעם קנעכט אז מען לעכערט אים די אויער?

ער איז א צדיק, און דער עבד עברי גייט יעצט וויילן זעקס יאר מיט א צדיק.
עס קומט אויס אז פון הימל איז מען מזמין פאר'ן גנב א וועג ער זאל קענען תשובה טון, מען לייגט אים נעבן א צדיק, כדי דער צדיק זאל משפיע זיין אויף אים און אים מחזיר זיין למוטב.
דער גנב באקומט יעצט א זעקס יעריגע געלעגענהייט צו וויילן במחיצת פון אן ערליכער איד און ווערן נשפע פון אים לטובה, און אז עס איז אריבער זעקס יאר און ער האט נישט תשובה געטון איז א סימן אז עפעס איז נישט גוט מיט אים, אויב אזוי מוז מען אים לעכערן די אויער.
מיט דעם ערקלערונג פארשטייט מען פארוואס מען האט געווארט גאנצע זעקס יאר אויף די מינוט.
עס קען זיין נאך א דערהער:
ווען דער האר האט אריינגענומען דעם קנעכט צו זיך אין שטוב איז ער געקומען צו גיין מיט ליידיגע הענט, אן א פרוטה צו די נשמה, אבער ווען ער גייט ארויס מוז אים דער האר געבן א מתנה, ווי די תורה באפעלט.
די מתנה איז א שיינע סומע. עס מיינט צו זאגן אז דער איד האט עפעס מיט זיך, עס איז דא וואו די ברכה זאל חל זיין ביי אים, און אויב מיט דעם אלעם נעמט ער נישט די מיה און זוכט זיך נישט צו שטעלן מיט דעם אויף די אייגענע פיס, איז א סימן אז ער גלייבט נישט אז הקב"ה קען אים משפיע זיין שפע רב, ער גלייבט נאר אז ער קען זיך שפייזן פון א מענטש.
אזא מענטש וואס וויל נאר לעבן פון יענעם, ער גלייבט נישט אז הקב"ה קען אים געבן, לעכערט מען די אויער.


## תגובות המצטרפים

לכבוד המערכת האדירה 'השגחה פרטית', המחוללת נפלאות בעולם באמונה חושית בהשי"ת!

אם הרב וואזנר זצוק"ל טען, שמאז מתן תורה לא היה היקף צדקה גדול כמו בדורנו - מסתבר שגם לא היה היקף אמונה חושית בכל העולם ובכל גווני הציבור, כפי שיש היום - בזכותכם.

אשריכם שאינכם נחים על זרי דפנה, ולא שבעים מהצלחות. אחרי פתיחת הקו התחדשתם בעלון, הנחטף כלחמניות במוצאי הפסח, ואחרי העלון הגיע המגזין המושקע והמהודר, שמענג את המשפחה כולה. שמחזק מגדול ועד קטן את האמונה החושית בה' יתברך.

**תמשיכו להצליח בכל פעולותיכם, ובעזרת ה' תתפתחו עוד ועוד!**

# גם אתם מכניסים את האור הביתה

הצטרפו היום, ותראו איך שהרוגע והשלווה מגיעים לכל בני הבית

התקשרו עכשיו
61767* שלוחה 3

או בעמדות 'נדרים פלוס' על-שם 'מגזין השגחה פרטית'




עדיין יש את אפשרות לקבל את כל המגזינים שיצאו עד עתה
במתנה
שאלו את המוקדן